**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/23/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**זיכערערע גאסן: גאווערנער האקול מעלדט 21 מיליאן דאלער פאר קאמיוניטי אוטריטש פראגראמען וועלכע ארבעטן צו רעדוצירן גאן געוואלדטאטן און ראטעווען לעבנס איבער ניו יארק סטעיט**

***געמיינדע באזירטע ארגענעזאציעס און שפיטעלער באקומען גרענט צו שטיצן SNUG גאסן אוטריטש, קעיס מענעדשמענט און געזעלשאפט ארבעט שטאבן וועלכע שטעלן אפ געוואלדטאטן און שטעלן צו סערוויסעס און הילף אין 14 געמיינדעס***

***מעלדונג פאלגט נאך גאווערנער האקול'ס לעצטיגע באריכט פון רעקארד-נידריגע גאן געוואלדטאטן איבער ניו יארק סטעיט***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן 21 מיליאן דאלער צו שטיצן SNUG גאס אוטריטש פראגראמען, א באוויז-באזירטע געוואלדטאטן פארמיידונג איניציאטיוו וועלכע ארבעט צו רעדוצירן גאן געוואלדטאטן און ראטעווען לעבנס אין 14 געמיינדעס לענגאויס ניו יארק סטעיט. די גרענטס ערמעגליכן פאר געמיינדע-באזירטע ארגעניזאציעס און שפיטעלער צו אויפנעמען אוטריטש ארבעטער, שפיטאל ריספאנדער, סאושעל ווארקערס און קעיס מענעדשערס וועלכע זענען געטרויבארע שלוחים, און ארבעטן מיט מענטשן וואס זענען אונטער די העכסטע ריזיקע פון גאן געוואלדטאטן, פארבינדנדיג זיי מיט שטיצע און סערוויסעס צו טוישן אויפפירונגען און פארמערן געלעגנהייטן.

"איך בין שטאלץ צו ווייטער אינוועסטירן אין SNUG און די געמיינדע באזירטע מיטארבעטער וועלכע טוהן דעם לעבנסרעטענדע ארבעט יעדן טאג," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "SNUG טוט העלפן צו האלטן געמיינדעס מער פארזיכערט, שטיצן פאמיליעס אין די נאכווייען פון געוואלדטאטן און שפאן עכטע געלעגנהייטן פאר יונגע מענטשן צו בליען. די שטאבן טוהן מאכט אן עכטע עדערונג אין געמיינדעס איבער ניו יארק, און אונז וועלן פארזעצן צו בויען אויף דעם פארשריט."

די פינאנצירונג מעלדונג פאלגט נאך גאווערנער Hochul's (האקול) [לעצטיגע באריכט אז 2025 האט אפגעצייכנט רעקארד-נידריגע גאן געוואלדטאטן איבער ניו יארק סטעיט]. דאטא ארויסגעגעבן פריער דעם מאנאט ווייזן אז די 28 פאליציי דיפארטמענטס וועלכע נעמען אנטייל אין די סטעיט'ס גאן פארבינדענע געוואלדטאטן עלימינירונג (Gun Involved Violence Elimination, GIVE) איניציאטיוו האט באריכטעט 491 שיסעריי אינצידענטן מיט שעדיגונג אין 2025, די ווייניגסטע זייט די סטעיט האט אנגעהויבן נאכגיין דעם מעטריק אין 2006. די גאווערנער׳ס פיסקאלע יאר 2027 עקזעקיוטיוו בודזשעט געבט ווייטער פרעצעדענטלאזע שטיצע פאר SNUG און אנדערע גאן געוואלדטאטן פארמיידונג איניציאטיוון אין געמיינדעס וואס באריכטן אומגעפער 90 פראצענט פון ווילדע פארברעכנס מיט וואפן און 85 פראצענט פון ווילדע פארברעכנס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי.

שיסעריי אינצידענטן מיט שעדיגונג איז אראפ 16 פראצענט פאריאר אין צוגלייך צו 2024. די צאל אינדיווידואלן געשאסן איז געפאלן 22 פראצענט, פון 723 אין 2024 צו 56 אין 2025, אין די צייט וואס פאטאליטעטן פון גאן געוואלדטאטן איז געפאלן 23 פראצענט, פון 116 צו 89.

אנגעפירט דורך די סטעיט אפטיילונג פון קרימינאלע גערעכטיגקייט סערוויסעס (Division of Criminal Justice Services), SNUG איז א שליסל באשטיינדל פון גאווערנער Hochul'ס (האקול) גרונטליכע פלאן צו אדערסירן די אורזאכן און נאכפאלגן פון גאן געוואלדטאטן און אנדערע פארברעכנס, צוזאמען מיט די גאן פארבינדענע געוואלדטאטן (GIVE) איניציאטיוו, די סטעיט'ס נאציאנאלע אנערקענטע פארברעך אנאליז צענטערן נעטווארק און פראיעקט RISE (ריאגירן, אינוועסטירן, אויפהאלטן, פארשטערקערן (Respond, Invest, Sustain, Empower). די SNUG גאס אוטריטשט (SNUG Street Outreach) פראגראם נוצט א פאבליק געזונטהייט צוגאנג צו אדרעסירן ביקס געוואלדאטן דורכ'ן אידענטיפיצירן די מקור, שטערן פון אויספירן און באהאנדלען אינדיווידואלן, פאמיליעס און קאמיוניטיס וואס זענען אפעקטירט פון געוואלדאטן.

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון קרימינאלע גערעכטיגקייט סערוויסעס קאמיסיאנער Rossana Rosado (ראסאנא ראוסעדא) האט געזאגט,** “SNUG טוט העלפן געמיינדעס פארמיידן געוואלדטאטן פאר עס פאסירט און ערהוילן ווען עס פאסירט יא. די ארבעט איז פארשטערקערן געמיינדעס, צוריקשטעלן טראסט און שאפן מער פארזיכערטע צוקונפטן פאר פאמיליעס איבער ניו יארק, און אונז זענען דאנקבאר צו גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע פירערשאפט און אינוועסטירונג אין געמיינדע-באזירטע געוואלדטאטן פארמיידונג."

געמיינדע-באזירטע ארגענעזאציעס און שפיטעלער וועלן באקומען 20.9 מיליאן דאלער צו שטיצן שטאב, פראגראמען, סערוויסעס, געצייג און טעכנעלאגיע דורכאויס די 2026 קאלענדער יאר. SNUG באשעפטיגט 176 פול-טיים און 46 פארט-טיים איינגעשטעלטע וואס ארבעטן און ספעציפישע געגנטער אין אלבעני, די בראנקס, באפעלא, העמפסטעד, מאונט ווערנאן, ניובורג, ניאגרא פאלס, פוקיפסי, סיראקיוז, ראטשעסטער, טרוי, יוטיקא, וויאנדאנטש און יאנקערס. DCJS פאלגט נאך שיסעריי דעטא אין די "SNUG זאנעס" און לעצטע יאר, האבן די זאנעס צוזאמען באריכטעט באדייטענדע, צווייי-ציפער פארמינערונגען אין שיסעריי געליטענע, מענטשן געהרגעט דורך גאן געוואלדטאטן און שיסעריי אינצידענטן מיט שאדן ווען פארגלייכט צו 2024.

SNUG אוטריטש ארבעטער, סאושעל ארבעטער, קעיס מענעדזשערס און שפיטאל רעספענדערס ארבעטן אין געגנטער וואס ווערן מער באטראפן דורך גאן געוואלדטאטן, און זענען אריינגעשטעלט אין טראומא צענטערן אין אלבעני, באפעלא, די בראנקס און ראטשעסטער צו געבן הילף פאר אינדיווידואלן און זייער פאמיליעס אין די נאכווייען פון געוואלדטאטן און זיי פארבינדען צו אנגייענדע סערוויסעס אין זייער געמיינדעס.

SNUG איינגעשטעלטע זענען באגלייבטע שלוחים וועלכע וואוינען אין די געמיינדעס זיי דינען, פולע מיט דורכגעלעבטע ערפארונג פון געוואלדטאטן. זיי ארבעטן מיט צענערלינגן און יונגע ערוואקסענער צו בארואיגן קאנפליקטן, פארמיידן נקמה נאך שיסערייען, העלפן פאמילעס און פארבינדען אנטיילנעמער צו עדיוקעישען, באשעפטיגונג און אנדערע סערוויסעס. פראגראמען טוהן אויך ארבעטן צוזאמען מיט געמיינדע און רעליגיעזער פירער און לאקאלע ביזנעסער צו האלטן אנטי-געוואלדטאטן געשעהנישן, דשאב מארקן און אנדערע געמיינדע אקטיוויטעטן וועלכע פראמאטירן זיכערהייט און היילונג.

פאלגענד זענען די ארגעניזאציעס און שפיטעלער וואס וועלן באקומען געלטער און הילף פון DCJS צו אנפירן SNUG פראגאמען:

**ניו יארק סיטי און לאנג איילענד**

- בראונקס - דזשאקאובי מעדיקעל צענטער: $2,781,137
- העמפסטעד - פאמיליע און קינדער'ס אסאסיעישאן: $1,190,580

- וויענדאנטש - עקענאמישע געלעגנהייט קאונסיל פון סופאלק: $762,683

**האדסאן וועלי (Hudson Valley)**

- מאונט ווערנאן - פאמיליע סערוויסעס פון וועסטשעסטער: $1,109,075
- ניובורג - ראיאנישע עקאנאמישע קאמיוניטי עקשאן פלאן: $917,953
- פאוקיפסי - פאמיליע סערוויסעס אינק.: $1,101,943
- יאנקערס - יאנקערס YMCA: $941.123
- וועסטשעסטער מעדעצינישע צענטער: $250,000

**Capital Region**

- אלבעני - טרינטי עלייענס פון די קאפיטאל ראיאן: $1,863,270 און אלבעני מעדיקעל צענטער: $267,315
- טרוי - טרינטי עלייענס פון די קאפיטאל ראיאן: $887,017

**Central New York**

- סיראקיוז - פעטסטאון קארפ: $1,820,189

**Mohawk Valley**

- יוטיקע - אינטערגרעיטעד קאמיוניטי אלטערניטיוון נעטווארק: $813,610

**Finger Lakes**

- ראטשעסטער - PathStone Corp.: $2,039,184 און ראטשעסטער אלגעמיינע שפיטאל: $580,930

**מערב ניו יארק (Western New York)**

- באפעלא - עיריע קאונטי מעדיקעל צענטער: $2,864,635
- ניאגרא פאלס - קאמיוניטי מיסיעס פון ניגארא פראנטיער: $694,280

ברייטע טרענירונג, באזוכן אויפן שטח און שטיצע פון די DCJS מאכן די SNUG פראגראמען אייגנארטיג און אנדערש פון אנדערע קאמיוניטי-באזירטע פארברעכן אפשטעלונג פראגראמען איבערן סטעיט און לאנד. נייע שטאב מיטגלידער מוזן דורכגיין 40 שעה טרענירונג, און נייע סופערווייזערס דארפן פארענדיגן 32 שעה'ן פון פארוואלטונג טרענירונג. אלע שטאב מיטגלידער מוזן אויך פארענדיגן 40 שעה טרענירונג פאר פראפעסיאנעלע אנטוויקלונג יערליך. די אנגייענדע טרענירונג און שטיצע העלפן זיכער

מאכן אז דער פראגראם אפערירט אויף אן אייניגע אופן אין אלע SNUG לאקאציעס טראץ דעם וואס זיי ווערן אויפגעהאלטן דורך אנדערע קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס און שפיטעלער.

**סענאט מאיאריטעט פירער Andrea Stewart-Cousins (אנדירא סטאווארט-קאזינס) האט געזאגט,** "ווען אונז האבן ערשט אנגעהויבן SNUG, עס איז געווען באזירט אויף די גלויבונג אז געמיינדע געטריבענע, באווייז-באזירטע לעזונגען זענען די שליסל צו אפשטעלן גאן געוואלדטאטן פאר עס הייבט זיך אן. זיי דעמאלטס, אונז האבן ווייטער געזעהן אז אנגעהאלטענע שטיצט פאר פארמיידונג ארבעט. איך בין ספּיציעל שטאלץ אז די יאנקערס YMCA און וועסטשעסטער מעדעצינישע צענטער, ביידע לאקאירט אין מיין דיסיטריקט, טוהן באקומען די קריטישע געלטער צו אפרשטערקערן אוטריטש, שפיטאל אנטאארט און לאנג-טערמיניגע שטיצע פאר די וועלכע זענען די מערסטע אינטער ריזיקע. אלץ מאיאריטעט פירער, איך בלייב פארפליכטעט צו אנהאלטן סטראטעגיעס ווי SNUG וועלכע האבן צוגעגעבן צו רעקארד נידריגע שטאפלן פון גאן געוואלדטאטן איבערן סטעיט. איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול), מיינע קאלעגעס אין די סענאט און אזוי אויך אונזער פארטנער אין די אסעמבלי פאר זייער אנגייענדע פירערשאפט און מיטארבעט אין די קאמף קעגן גאן געוואלדטאטן."

**סענאט סענאטאר Monica R. Martinez (מאניקא ר. מארטינעז) האט געזאגט,** "גאן געוואלדטאטן נעמט די לעבענס פון ניו יארקער און לייגט אריין א פחד אינערהאלב אונזער געמיינדעס. די SNUG גאס אוטריטש פראגראם א זעצייג וואס האט זיך אויפגעוויזן צו אפהאלטן די שרעקליכע טראגעדיעס דורך ארבעטן מיט מענטשן וואס זענען אין-ריזיקע און זיי צושטעלן מיט די הילף געברויכט צו אויסוועלן א אנדערע וועג. די פינאנצירונג, אריינגערעכנט די מער ווי א א דריי פערטל מיליאן דאלאר פאר די עקאנאמישע געלעגענהייט קאונסיל פון סאפפאלק, וועט האלטן לאנג איילענד פארזיכערט."

**סטעיט סענאטאר Nathalia Fernandez (מאטאליע פערנאנדעז) האט געזאגט,** "פראגראמען ווי SNUG זענען אויפגעוויזן צו צושטעלן פאר אונזער מערסט אינטער-ריזיקע פאפלואציעס מיט די געצייג, הילף און אנווייזונגען צו פארמיידן גאן געוואלדטאטן און בויען מער פארזיכערטע צוקונפטן. דורך אינוועסטירן אין געמיינדע-באזירטע אינטערמינונג, ניו יארק טוט פארזעצן צו פירען מיט באוויז און דערבארומדיגקייט. דעס איז ווי אזוי קלוגע פובליק זיכערהייט קוקט אויס."

**סטעיט סענאטאר Patricia Fahy (פאטרישע פאהי) האט געזאגט,** "אינוועסטירן אין באוויז-באזירטע פראגרמען און אויף-די-גרונט ריסורסן איז פונקטליך וויאזוי מיר טוהן ווייטער באקעמפן די פלאגעניש פון גאן געוואלדטאטן אין אונזער געמיינדעס. מיטארבעטן מיט געזעץ אינפארסירונג, קאמיוניטי-באזירטע אפשטעלונגען אין רונדעס פון געוואלדטאטן אזיווי די טרינטי עלייענס פון די קאפיטאל ראיאן און פארגרעסערן די סטעיט'ס פארפליכטונג צו שטיצן די איניציאטיוון איז די סיבה פארוואס מיר זעהן אז גאן געוואלדטאטן ראטעס פאלן אין קאמיוניטיס לענגאויס די סטעיט, אריינגערעכנט דא אין אלבאני, וועלכע האט געזעהן די גרעסטע פארמינערונג אין גאן געוואלטאטן פון סיי וועלכע GIVE יוריסידיקציע אין ניו יארק סטעיט ביי די ענדע פון לעצטע יאר. א דאנק נאכאמאל צו גאווערנער Hochul (האקול) און מיין לעגיסלאטיווע קאלעגעס פאר ווייטער ארבעטן צו פארזיכערן אז ניו יארקער איבעראל שפירן זיך פארזיכערט אויף אונזערע גאסן, און צו אפשטעלן די עפידעמיע פון גאן געוואלדטאטן דא אין ניו יארק סטעיט."

**סטעיט סענאטאר April N.M. Baskin (אפריל נ.מ באסקין) האט געזאגט,** "די אינוועסטירונג איז א קלארער דערמאנונג אז ווען אונז דערהייבן באגלייבטע שלוחים און גרעסרוט מיטארבעטער, אונז ראטעווען לעבענס. SNUG אוטריעש ארבעטער, סאושעל ארבעטער און שפיטאל ריספאנדערס זענען דארט אינדערויסן יעדן טאג צו אפשטעלן געוואלדטאטן, עפענענדיג טירן צו געלעגנהייט פאר יונגע מענטשן און העלפן פאמיליעס זיך היילן. גאווערנער Hochul'o (האקול) באלט 21 מיליאן דאלאר פארפליכטונג פארשטערקערט די אויפגעוויזענע סטראטעגיעס וועלכע האבן געטריבן גאן געוואלדטאטן

צו רעקארד-נידריגע שטאפלן איבער אונזער סטעיט. די פינאנצירונג פארזיכערט אז געמיינדע אין באפעלא און איבער ניו יארק סטעיט האבן די געצייג, רעסארסן און צוגעלייגטע הילף צו ווייטער בויען מער פארזיכערטע, שטערקערע געמיינדעס פאר יעדעם."

**סטעיט סענאטאר Joseph Griffo (דזשאסעף גריפאו) האט געזאגט,** "עס איז גאר וויכטיג אז מיר זאלן ווייטער זוכן פאר וועגן צו אדרעסירן און רעדוצירן גאן גוואלדטאטן אין די סטעיט. די געלטער וועט פארשטערקערן די SNUG פראגראם אין יוטיקע דורך שטיצן א אויסוואל פון וויכטיגע סערוויסעס און ריסורסן וואס וועלן פארבעסערן פובליק זיכערהייט אין די סיטי און ראיאן."

**סטעיט סענאטאר Rob Rolison (ראב ראליסאן) האט געזאגט,** "די ראיאנישע עקאנאמישע געמיינדע שריט פלאן אין ניובורג און פאמיליע סערוויסעס און פעקיפסי טוהן לעבענס-רעטענדע ארבעט - פארבינדענדיג אינדיווידואלן מיט קריטישע הילף און אקטיוו פארמינערן גאן גוואלדטאטן אין אונזער געמיינדעס. איך בין שטארק דאנקבאר פאר די איבערגעגעבענע געמיינדע מיטארבעטער וועלכע באווייזן זיך יעדן טאג צו האלטן אונזער געגענטער פארזיכערט און ראטעווען לעבענס. די פינאנצירונג וועט גאר שטארק פארשטערקערן זייער מיסיע און העלפן פארזיכערן די וויכטיגע ארבעט זעצט פאר צו מאכן א נאכהאלטיגע ווירקונג."

**סטעיט סענאטאר Jacob Ashby (דשעיקאב עשלי) האט געזאגט,** "איך בין געווען א שטענדיגע אדוואקאט פאר פארבינדען אינטער-ריזיקע ניו יארקער מיט פראדוקטיווע סערוויסעס וועלכע קען זיי העלפן ארום דרייען זייער לעבענס פאר זיי ווערן אריינגעכאפט דורך די פלאגעניש פון גאן גוואלדטאטן. איך בין געווען צופרידן צו ארבעטן איבער די אייעל צו צושטעלן די רעסארסעס צו טריניטי אליאנס אין טרוי, און איך וועל ווייטער אדוואקטירן פאר שכל'דיגע פאליסיס וועלכע פראמאטירן פובליק זיכערהייט, שטיצן אונזער געזעץ ענפארסירונג און דערהייבן אויסגעשטעלטע מענטשן."

**אסעמבלי מאיאריטעט פירער Crystal Peoples-Stokes (קריסטאל פיפאלס-סטאוקס) האט געזאגט,** "די פארמינערונג אין גאן גוואלדטאטן איבער די סטעיט איז די רעזולטאט פון איינקויפן פון רעגירונג, געזעץ ענפארסירונג און מערסט וויכטיגסטע, לאקאלע אנטי-גוואלדטאטן גרופעס וועלכע זענען דארט אינדערוויסן יעדן טאג און לייגן אריין די ארבעט אין אונזער געמיידנעס. אונזער געגענטער זענען מער פארזיכערטעט אלץ א רעזולטאט פון די איבערמידליכע באמיהונגען פון אונזער אנטי-גוואלדטאטן גרופעס."

**אסעמבלימעמבער Harry Bronson (הערי בראנסאן) האט געזאגט,** "זינטן איינפירן SNUG, האט ראטשעסטער געזען א באדייטנדע און אנגעצייכנטע נידערונג אין גוואלדטאטן, אויף אלע שטאפלען. אבער מיר האבן נאך ארבעט צו טוהן. SNUG פראגראמירונג איז אויפגעוויזן געווארן צו ווירקן שטארק ווייל עס געבט קראפט פאר קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס צו נוצן זייערע עקזיסטירנדע פארבינדונגען און פארטנערשאפטן צו פארמינערן גאן גוואלדטאטן אין די געגנטער וואו זיי סערווירן. די פינאנצירונג צוגעשטעלט צו ראטשעסטע אלגעמיינע שפיטאל און פעטסטאון קארפ וועט זיי ערמעגליכן צו פארברייטערן זייער אינוועסטירונגען אין פראגראמירונג, שטאב און סערוויסכעס געדארפט צו פארברייטערן די קריטישע פובליק זיכערהייט איניציאטיוו און ווייטער אנהאלטן די שטייגער פון פארמינערן ווילדע פארברעכן."

**אסעמבלימעמבער John T. McDonald III, RPh (דשאהן ט. מקדאנאלד) האט געזאגט,** "געמיינדע טוריטש פראגראמען ארבעטן, און איך בין צופרידן צו זעהן די אינוועסטירונג אין טריניטי אליאנס' SNUG פראגראם אין טרוי, צו העלפן האלטן אונזער געגענטער מער פארזיכערט אין די צייט וואס זיי פארבינדען יונגע מענטשן און פאמיליעס צו די הילף זיי דארפן. איך בין דאנקבאר צו גאווערנער Hochul (האקול) און

אונזער סטעיט מיטארבעטער פארן אנהאלטן די אויפגעוויזענע פובליק געזונטהייט צוגאנג צו פארמינערן גאן געוואלדטאטן און פארשטערקערן געמיינדעס איבער די קאפיטאל ראיאן."

**אסעמבלימעמבער Sarah Clark (שרה קלארק) האט געזאגט,** "SNUG'ס גאסן אויטריטש מאדעל אנערקענט אז פארמיידן גאן געוואלדטאטן פארלאנגט באגלייבטע שטימעס אויפן ערד און עכטע הילף פאר די געמיינדעס מערסט געטראפן. מיט די פינאנצירונג פאר SNUG אין ראטשעסטע אלגעמיינדע שפיטאל, אוטריטש ארבעטער, סאושעל ארבעטער און באגלייבטע שלוחים וועלן ווייטער זיך טרעפן מיט אינדיווידואלן און פאמיליעס וואו זיי זענען אין מאמענטן פון קריזיס, העלפנדיג פארמיידן נקמה, פארבינדען יונגע מענטשן צו געלעגנהייט און אפרשטערקן וועגן צו זיכערהייט און היילונג אין אונזער געגענטער. דעס איז א פראגראם וועלכע האט אויפגעוויזן איר ווירקזאמקייט, און איך וועל ווייטער פארזיכערן אז אונז האבן די רעסארסן געדארפט צו מאכן SNUG א סוקסעס. א דאנק אייך, גאווערנער, פאר אייער פארפליכטונג צו אינוועסטירן אין איניציאטיוון צו פארמינערן צייקלן פון געוואלטאטן און פארמערן געלעגענהייט דא אין אונזער געמיינדע."

**אסעמבלימעמבער Jonathan Jacobson (יאנאטאן יאקאבסאן) האט געזאגט,** "ליידער, פלאגט גאן געוואלדטאטן די סיטיס פון ניובורג און פעקיפסי ווי עס טוט אין צופיל געגנטער פונעם סטעיט און דעם לאנד. עס מוז אדרעסירט ווערן אין דריי וועגן: ענדיגן גאן טראפיקינג פון אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט; אינפארסירן אונזערע גאן געזעצן אריינגערעכנט די פולע צופאסונג פון אונזער רויטע פענער געזעצן; און זיך פארבינדן מיט די קאמיונטי דורך קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס צו אנטמוטיגן און אויפהערן גאן געוואלדטאטן פאר עס פאנגט זיך אן. איך אפלאדיר גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פארפליכטונג צו אלע דריי לעזונגען, און פארן אינוועסטירן אין אנטי-געוואלדטאטן ביי די לאקאלע שטאפל. איך טוה אויך שעצן די ארבעט פון SNUG אין ניובורג און פעקיפסי צו שטיצן די אינטער ריזיקע. איך בין שטאלץ צו האבן געשטיצט די באמיהונגען אין די פאריעריגע בודשעט."

**אלבעני קאונטי עקזעקיוטיוו Daniel P. McCoy (דעניעל פ. מעקקאו) האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע פארפליכטונג צו פובליק זיכערהייט און פארן אינוועסטירן אין סטראטעגיעס וועלכע פארמיידן געוואלדטאטן פאר עס פאסירט. די שיטצע פאר SNUG גאסן אוטריטש לייגט רעסארסן דירעקט אין די הענט פון באגלייבטע געמיינדע מיטארבעטער, א שטייגער ווי די טריניטי אליאנס פון די קאפיטאל ראיאן און די אלבאני מעדעצינישע צענטער, וועלכע דעגרייכן מענטשן ביי קריטישע מאמענטן און אפרבינדען זיי צו עכטע הילף און געלעגענהייט. דעס איז וויאזוי אונז בויען מער פארזיכערטע געגענטערע, דורך פארמיידונג, געטרוי און אנגעהאלטענע פארבינדונג."

**אירי קאונטי עקזעקעטיוו Mark C. Poloncarz (מארק ס. פאלנקארז) האט געזאגט,** "גאן געוואלדטאטן גייט אראפ איבער ניו יארק סטעיט און פראגרעמען ווי SNUG גאס אוטריטש זענען א גרויסע טייל פון די אורזאך פארוואס, געבענדיג קראפט פאר געמיינדע באזירטע מיטארבעטער צו אנקעגן קומען די פראבלעם ביי די לאקאלע שטאפל צו פראדוצירן בעסערע אויסגאנגן, פארמינערן פארברעכן און האלטן געגענטער פארזיכערט. די פינאנצירונג איז קריטיש צו ווייטער אנהאלטן די לעבענסרעטענדע ארבעט און איך דאנק גאווערנער Hochul (האקול) פארן מאכן די אינוועסטירונג אין אונזער געמיינדע."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקעטיוו Ken Jenkins (קען דשענקינס) האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul'ס (האקול) אנגייענדע אינוועסטירונג אין SNUG טוט מאכן א מעסטבארער ענדערונג איבער ניו יארק, און אונז זעהן די ווירקונג אט דא אין וועסטשעסטער קאונטי. מיט נייע פינאנצירונג וועלכע שטיצט SNUG שטאבן אין מאונט ווערנאן און יאנקערס, און נאך רעסארסן פאר וועסטשעסטער מעדעצינישע צענטער, די אינוועסטירונג האט פארשטערקערט די געטרויטע, געמיינדע באזירטע צוגאנג וועלכע פארמיידט געוואלדטאטן פאר עס געשעהט און שטיצט פאמיליעס ווען עס טוט יא. די דאטא זענען קלאר - גאן געוואלדטאטן איז אראפ איבערן סטעיט און די סטראטעגיעס ארבעטן. וועסטשעסטער קאונטי איז

שטאלץ צו שטיין מיט גאווערנער Hochul (האקול) און אונזער לאקאלע געמיינדע מיטארבעטער ווען אונז זעצן פאר די קריטישע ארבעט צו ראטעווען לעבענס און אפרשטערקערן אונזער געמיינדעס."

**סיטי פון באפעלא מעיאר Sean Ryan (סיען רייען) האט געזאגט,** "די אינוועסטירונג בויט אויף אונזער אויפגעוויזענע ארבעט וועלכע געשעהט שוין אין באפעלא צו אפרמיידן געוואלדטאטן און שטיצן פאמיליעס אין די נאכוויען פון טראומא. ווען מענטשן קענען און געטרויען די פירער וועלכע ארבעטן צו פארמינערן גאן פארברעכן אין זייער געגענטער, זיי שפירן זיך מער פארזיכערט און מער פארבינדען צו די סערוויסעס וועלכע העלפן צוברעכן צייקלן פון געוואלדטאטן. איך דאנק גאווערנער Hochul (האקול) פארן ווייטער אינוועסטירן אין געמיינדע-באזירטע סטראטעגיעס וועלכע ראטעווען לעבענס און פארשטערקערט אונזער געמיינדעס."

**סיטי פון יאנקערס מעיאר Mike Spano (מייק ספענאו) האט געזאגט,** "א דאנק צו גאווערנער Hochul (האקול) פארן פארזיכערן די וויכטיגע SNUG אינוועסטירונג פאר אונזער שטאט. די באלד 1 מיליאן דאלאר פינאנצירונג, אדמיניסטריט לאקאל דורך די יאנקערס YMCA, וועט פארשטערקערן אונזער געמיינדע-באזירטע באמיהונגען צו פארמיידן גאן געוואלדטאטן, שטיצן געליטענע און פאמיליעס, און שאפן עכטע געלעגנהייטן פאר יונגע מענטשן די מערסטע אינטער ריזיקע. גאווערנער Hochul's (האקול) אנגייענדע פארפליכטונג צו באוויז-באזירטע סטראטעגיעס טוט אונז העלפן בויען מער פארזיכערטע געגענטער און ראטעווען לעבענס דא אין יאנקערס און איבער ניו יארק סטעיט."

**סיטי פון ראטשעסטער מעיאר Malik D. Evans (מאליק ד. עווענס) האט געזאגט,** "א דאנק צו גאווערנער Hochul's (האקול) גרונטליכע אלע-פון-די-אויבן-דערמאנטע צוגאנג צו ווילדע פארברעכן, געמיינדעס ווי ראטשעסטער זעצן פאר צו זעהן דראמאטישע יאר-איבער-יאר פארמינערונגען אין גאן געוואלדטאטן. איך בין דאנקבאר פאר די אנגייענדע אינוועסטירונג אין די ניו יארק סטעיט SNUG פראגראם, וועלכע אנערקענט אז גאן געוואלדטאטן איז אן אנשטעקיגע קראנקהייט וועלכע קען פארמיטן ווערן דורך דירעקטע אינטערמינונג פון באגלייבטע שלוחים מיט א טיפע פארשטאנד פון איר אורזאכן און לאנג-טערמין ווירקונגען."

**סיטי פון סיראקיוז מעיאר Sharon Owens (שעראן אויוועגס) האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע פארפליכטונג צו פובליק זיכערהייט און פארן אינוועסטירן אין פראגראמען וועלכע מאכן אן עכטע ענדערונג אין אונזער געגענטער. די צוגעלייגטע געלטער צוגעשטעלט פאר SNUG גאסן אוטריטש איז קריטיש צו אונזער אנגייענדע באמיהונגען צו פארמינערן גאן געוואלדטאטן און שאפן מער פארזיכערטע גאסן פאר אלע איינוואוינער. די רעסארסן וועט אונז ערמעגליכן צו פארשטערקערן געמיינדע-באזירטע אינטערמינונגען, העלפן אוטריטש ארבעטער אויף די פראנט ליניעס און צושטעלן אלטערנאטיוון וועלכע דרייען אינדיווידואלן אוועק פון געוואלדטאטן. אונז שעצן די סטעיט'ס מיטארבעט און אומבויגזאממער שטיצע אין אדרעסירן די דרינגענדע פראבלעם, און אונז קוקן ארויס צו ווייטער ארבעטן צוזאמען צו בויען א שטערקער, מער זיכערע סיראקיוז."

**סיטי פון אלבאני מעיאר Dr. Dorcey Applyrs (דאקטאר דארסי אפלירס) האט געזאגט,** "פובליק זיכערהייט און געוואלדטאטן פארמיידונג זענען געבליבן ביי די אויבן אן פון מיין ארבעט אין די מעיארס אפיס. אלבאני ווייסט אז נאכהאלטיגע זיכערהייט הייבט זיך אן מיט פארמיידונג און אקטיוויזירן די וועלכע זענען טיף פארבינדען צו אונזער געמיינדע. די פינאנצירונג פארשטערקערט די קאפאציטעט פון די טריניטי אליאנס פון די קאפיטאל ראיאן און אלבאני מעדעציניש צענטער צו דערגרייכן די וועלכע זענען די מערסטע אינטער ריזיקע, רעאגירן אין מאמענטן פון קריזיס און העלפן אינדיווידואלן זיך רוקן פאראויס צו סטאביליטעט און געלעגנהייט. איך בין דאנקבאר צו גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) פאר די אינוועסטירונג און פאר ניו יארק סטעיט'ס מיטארבעט אין שטיצן געמיינדע-געטריבענע לעזונגען וועלכע ראטעוועט לעבענס."

**סיטי פון יוטישע מעיאר Michael Galime (מייקעל גאלים) האט געזאגט,** "די אנגייענדיגקייט פון די געלטער, געפירט דורך ICAN, ווייזן זיך אויף צו זיין ווערדפול אין אונזער געמיינדע. די דירעקטע און אומדירעקטע רעאקציע און ווייטאג צו גאן געוואלדטאטן איז עכט, און SNUG פילט אן די לאך אין היילונג קאפאציטעט און אנגיינעדע אוטריטש צו פארמינערן גאן געוואלדטאטן."

**סיטי פון ניאגרא פאלס מעיאר Robert Restaino (ראבערט רעסטאינא) האט געזאגט,** "די ווירקזאמקייט פון גאווערנער Hochul'ס (האקול) באמיהונגען צו אויסליידיגן געמיינדעס פון די פלאגעניש פון גאן געוואלדטאט רעדט פאר זיך אליין דורך די היסטאריש נידריג אינצידענטן פון גאן געוואלדטאטן איבער די סטעיט. גאווערנער Hochul'ס (האקול) אינוועסטירונג אין ארגענעזאציעס א שטייגער ווי Community Missions of Niagara Frontier, Inc. און דורך די שווערע ארבעט פון די ניאגרא פאלס פאליציי דיפארטמענט, געגענטער איבער די שטאט זענען מער פארזיכערט, אבער אונז ווייסן אז עס איז נאכאלץ דא א סאך ארבעט צו טוהן אין אונזער קאלעקטיווע ארבעט צו ווייטער פארמינערן גאן געוואלדטאטן."

**סיטי פון מאונט ווערנאך מעיאר Shawyn Patterson-Howard (שאון פעטערסאן-האווארד) האט געזאגט,** "האבענדיג געדינט פאר 10 יאר אלץ די סייט דירעקטאר און קאארדינירער פון די ערשטע SNUG פראגראם אין ניו יארק סטעיט, פארשטיי איך ערשטהאנטיג די מאכט פון געמיינדע געוואלדטאטן אינערמינונג סטראטעגיעס וועלכע פארלאזן זיך אויף באגלייבט שלוחים אלץ א קריטישע פארמיידונג און אינטערמינונג צוגאנג צו פארמינערן גאן געוואלדטאטן. יעצט, אין מיין זעקסטע יאר אלץ מעיאר פון די סיטי פון מאונט ווערנאן, בלייב איך קאנפידענט אז SNUG איז אן אויפגעוויזענע, לעבענס-רעטענדע מאדעל פאר בויען פארזיכערטער געמיינדעס. איך דאנק גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע אינוועסטירונג אין פובליק זיכערהייט און אין די מענטשן און פראגראמען וועלכע מאכן די ארבעט מעגליך."

**סיטי פון ניובורג מעיאר Torrance Harvey (טארענס הארווי) האט געזאגט,** "די סיטי פון ניובורג איז דאנקבאר צו גאווערנער Hochul (האקול) פאר די קריטישע אינוועסטירונג אין געמיינדע-באזירטע געוואלדטאטן פארמיידונג. די $917,953 געשאנקען צו שטיצן SNUG פראגראמירונג אין אונזער שטאט וועט פארשטערקערן אוטריטש באמיהונגען, אפשטעלן צייקלן פון געוואלדטאטן און פארבינדען איינוואוינער מערסט אינטער ריזיקע מיט באדייטענדע הילף און געלעגענהייט. די פינאנצירונג שפיגלט אפ אן אנגייענדע צוזאמארבעט צווישען ניו יארק סטעיט און לאקאלע פירער צו פארזיכערן מער פארזיכערטע געגענטער, שטערקערע פאמיליעס און א מער לעכטיגע צוקונפט פאר אונזער געמיינדע."

**סיטי פון טרוי מעיאר Carmella R. Mantello (קארמעלא ר. מאנטעלא) האט געזאגט,** "אונז שעצן גאווערנער Hochul's (האקול'ס) אנגייענדע אינוועסטירונג אין די SNUG פראגראם און איר פארפליכטונג צו שטיצן געמיינדע ווי טרוי. איבער די פארגאנגענע צוויי יאר, האט אונזער שטאט מיטגעלעבט א דראמאטישע 53% פארמינערונג אין גאן גאוואלדטאטן אין צוגלייך צו די פארגאנגענע פינעף-יאר אלגעמיינע צאל - עכטע פארשריט וועלכע שפיגלט אפ שטארק צוזאמארבעט און קלוגע אינוועסטירונגען אין פארמיידונג. די באל $900,000 אין נייע געלטער פאר די טרוי ברענטש פון די טריניטי אליאנס פון די קאפיטאל ראיאן וועט פארשטערקערן אוטריטש באמיהונגען, פארברייטערן אינטערמינונג סערוויסעס און אונז העלפן פארזצען צו בויען אויף די מאמענטום. צוזאמען, בלייבן אונז פאקוסירט אויף האלטן טרוי מער פארזיכערט, מער ריין און זיך רוקן אין די ריכטיגע ריכטונג."

**ווילעדש פון העמפסטעד מעיאר Waylyn Hobbs (וואילין האבס) האט געזאגט,** " גאווערנער Hochul (האקול) טוט פארזעצן צו מאכן פובליק זיכערהייט א פריאריטעט און איך בין דאנקבאר פאר איר פארפליכטונג צו מאכן אונזער געמיינדעס מער פארזיכערט. די SNUG גאסן אוטריטש פראגראם איז

געוואָרן אויפגעוויזן צו פאַרמינערן גאַן געוואַלדטאַטן דורך א געמיינדע באַזירטע צוגאַנג. די אינוועסטירונג אין העמפּסטעד דורך די פאַמיליע און קינדער'ס פאַרבאַנד וועט העלפן אונזער געזעץ ענפאָרסירונג צו ווייטער אראפּגברענגן פאַרברעכן און ענדגילטיג ראַטעווען לעבענס. איך אַפּלאָדיר גאַווערנאָר Hochul (האָקול) פאַר די אינוועסטירונג אין אונזער געמיינדעס וועלכע פּראָדוצירן עכטע רעזולטאַטן."

**טאַון פון באַבילאָן סופּערווייזער Rich Schaffer (ריטש שאַפער) האָט געזאָגט,** "אינוועסטירונגען ווי די זענען קריטיש צו שטיצן די סאָרט געמיינדע באַזירטע לעזונגען וועלכע מאַכן אַן עכטע ענדערונג אין מענטשן'ס לעבנס. די פינאַנצירונג געשאַנקען צו די וויאַנדאַנטש עקאָנקאַמישע געלעגנהייט קאָונסיל וועט העלפן פאַרברייטערן אוטריטש פּראָגראַמען, פאַרבינדען אינדיווידואַלן מיט וויכטיגע רעסאָרסן און פאַרשטערקערן געוואַלדטאַטן פאַרמיידונג אַרבעט אַט דאָ אין די טאַון פון באַבילאָן. איך שעץ גאַווערנער Hochul'ס (האָקול) אנגייענדע פאַרפליכטונג צו אַרבעטן מיט לאָקאַלע מיטאַרבעטער צו פאַרבעסערן פּובליק זיכערהייט און שאַפן מער פאַרזיכערטע געמיינדעס."

די [דיוויזיע פון קרימינאַלע יוסטיץ סערוויסעס](https://www.criminaljustice.ny.gov/) שטעלט צו קריטישע שטיצע פאַר אַלע הינזיכטן פון די סטעיט'ס קרימינאַלע יוסטיץ סיסטעם, אַריינרעכענענדיג, אָבער נישט באַגרעניצט צו: טרענירן געזעץ איינפאָרסירונג און אַנדערע קרימינאַלע יוסטיץ פּראָפעסיאָנאַלן; האַלטן אויפזיכט איבער א געזעץ איינפאָרסירונג קרעדיט פּראָגראַם; פאַרזיכערן אַז Breathalyzer (אַפּאַראַט וואָס קוקט איבער דאָס אָטעם) און שנעלקייט איינפאָרסירונג געצייג גענוצט דורך לאָקאַלע געזעץ איינפאָרסירונג אַרבעטן ריכטיג; אנפירן קרימינאַלע יוסטיץ גרענט פינאַנצירונג; איבערקוקן פאַרברעכן און פּראָגראַם אינפאָרמאַציע איבער די סטעיט; צושטעלן פאָרשונג שטיצע; האַלטן אויפזיכט איבער קאָונטי פּראָובע דעפּאַרטמענטס און אַלטערנאַטיוון צו טורמע פּראָגראַמען; און אויסאַרבעטן יוגנטליכע יוסטיץ פּאָליסי. פאָלגט נאָך DCJS אויף [פעיסבוק](https://www.facebook.com/), [אינסטעגרעם](https://www.instagram.com/) און [לינקדין](https://www.linkedin.com/).

###

נאָך נייעס קען מען באַקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יאָרק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באַקומען די לעצטע נייעס פון די גאַווערנער'ס אַפיס: [ny.gov/signup](https://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)